# הערות אויף ארטיקל "איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה?"

## פון מתתי' גראס, געדריקט אין בעל-בית פ' תולדות תשע"א

יידל
Posted November 1, 2010 at 9:31 AM

""חשובער ארבייטער, דו באגייסט נישט קיין שום בדיעבד, רעדט פון ביזנעס, טראכט פון ביזנעס, זיי דיך מחזק מיט ביזנעס! דאס, יא דאס! איז אקוראט וואס דו מוזט טון אלץ א פליכט זייענדיג א קינד פונעם מלך מלכי המלכים!" "

איך וואלט געוואלט צולייגן א נקודה. עס איז נישט קיין סוד, אז א סאך פון אונזערע כלי קודש / כולל יונגעלייט / נישט-ארבייטער מוזן – פארשטייט זיך נאר מכח הכרח – נעמען געוויסע שריט וואס מצד הדין איז עס אפשר נישט אזוי אויסגעהאלטן. אזוי ווי די גמרא אין קידושין (כט עמוד ב) זאגט טאקע "רבי יהודה אומר כל שאינו מלמד את בנו אומנות – ווער עס לערנט נישט זיין זון א פאך – מלמדו ליסטות – לערנט אים רויבעריי. פרעגט די גמרא – ליסטות ס"ד – ער לערנט אים דען רויבעריי? נאר וואס דען – אלא כאילו מלמדו ליסטות – עס איז כאילו ער וואלט אים אויסגעלערנט רויבעריי" און ווי רש"י ערקלערט אויפן פלאץ: "דכיון דאין לו אומנות – וויבאלד ער פארמאגט נישט קיין פאך – ויחסר לחמו – און עס וועט אים דאך פעלן פרנסה – ילך בפרשת דרכים וילסטם את הבריות – וועט ער דאך גיין אין גאס און בארויבעווען די מענטשהייט".
עס האט מיר איינער נאך געזאגט בשם הרה"ג ר' חיים לייב כ"ץ סערדעהעלי רב שליט"א אז די איינציגסטע היתר צו דרייען מיט די פאפירן איז "נעשה לו כהיתר".... (די גמרא אין מועד קטן זאגט: רב הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו. הותרה לו סלקא דעתך?! אלא אימא נעשית לו כהיתר...)
איך ווייס אז עס איז דא רבנים המתירים און פארשטייט זיך אז יעדער דארף גיין נאך זיין רב און פוסק, אבער אחרי ככלות הכל בלייבט עס א מורא'דיגע בדיעבד, עז ברענגט אריין אינעם מענטש א זלזול אין די איסור גניבה ושקר.

ממילא טייערע קוטשמע איד, עס קען גאר זיין אז ביים באשעפער זענט איר נאך פיל מער חביב ווי דער כלי קודש. אין א בחינה ווי די פסוק זאגט אין ישעיה "למה לי רב זבחיכם? יאמר ה'. שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים וכבשים ועתודים לא חפצתי: כי תבאו לראות פני, מי בקש זאת מידכם רמס חצרי?" גיי ארבייט, לערן ווייניגער וויפיל די וואלסט ווען געקענט, אין לעב אויף ערליכע געלטער!

BenBleeShem
Posted November 1, 2010 at 9:57 AM

יידל, ביסט כשר גערעכט. אבער ווי ווייט איך ווייס איז די רעדע אויף פון ארבעטער, נישט נאר כלי קודש. אבער לאמיר נישט רעדן צופיל...

שמעלקא
Posted November 1, 2010 at 10:15 AM

ייש"כ פאר די חיזוק ווערטער.

איך זעלבסט שעפ חיזוק פון די ארטיקלען. אמאל בין איך געווען פון די סארט וואס רעדן זיך כסדר אפ הלמאי איך בין פארפליכטעט ווי א קנעכט א גאנץ לעבן צו מיין ארבעט, די וועלט איז דאך אזוי גרויס און שיין, איך האב געשפירט כאילו איך בין דא "אין א תפיסה"..

היינט פארשטיי איך אז ניין, יעדע רגע בין איך מקיים דעם רצון ה', דאס איז מיין תפקיד אויף דער וועלט, אויף דעם אופן וויל

השי"ת איך זאל אים דינען, קומט אויס אז נישט נאר איך שפיר נישט אז איך פארליר מיין לעבן, נאר אדרבה דאס איז דער תכלית פון מיין לעבן, און יעדן טאג ווען איך קום אריין קום איך טון מיין "דזשאב" אויף וואס מען האט מיך אראפגעשיקט דא אויף דער וועלט.

זעלבסטפארשטעדליך אז מען קען נישט אוועקמאכן די כלי קודש, כלל ישראל דארף האבן ביידע, יעדער קומט אראפ אויף דער וועלט אויפצוטון לויט זיין תיקון הנפש, און השי"ת פירט שוין צו וואו יעדער זאל אנקומען, און מיר דארפן נאר זיך לאזן פירן און מקבל זיין באהבה, און פארשטייט זיך מתפלל זיין אויף טריט און שריט.

נאכאמאל, א דאנק פאר אייער ארטיקל, און טוט דאס אפטער!

Jack
Posted November 1, 2010 at 10:51 AM

Mates, A1!!! Best article ever

יידל
Posted November 1, 2010 at 11:10 AM

בן בלי שם:
א. ביי ארבייטער איז עס אויף פיל א קלענערן פארנעם (רוב מאל איז עס פאר די קינדער - וואס לערנען אין כולל...)
ב. לאמיר טאקע נישט מקטרג זיין...

Anonymous
Posted November 1, 2010 at 11:22 AM

מאטעס'ל זיסער, די ארטיקל מאלט צוקער וואסער הלוך וחזור, קענסט אפשר זאגן אין איין ווארט וואס דיר קוועטשט?
אגב: נאכ'ן אפגעבן דעם פולסטן רעספעקט פאר'ן ארבייטער (אני הקטן געהער אויך אין די קאטעגאריע) פארוואס ערוועקט דאס ביי דיר מער עהרע ווי דער בן תורה וכלי קודש?

Wolf
Posted November 1, 2010 at 11:59 AM

Anonymous, דיין "אגב" פוינט זאגט דאך שוין אלעס.

פארוואס זעט מען אזויפיל אינגעלייט היינט וואס טוען נישט למעשה? זיי זענען ביזי מיט איזי מאני, MLM, זיי מיינען אז זייער גליקליכער טאג וועט קומען מיטן זיין א אייגענע בעל הבית? און מען רעדט נישט דא פון שנה ראשונה אינגעלייט, מען רעדט דא פון טאטעס מיט שטובער מיט קינדער וואס די ווייב שטייט אוןווארט אויף אביסל געלט, און די מאן איז ביזי מיט דמיונות? אלעס אויסער ארבעטן שווער.

ווייל א גראסערי ארבעטער מיט'ן בלויען מאנטל איז ביי אים א חסרון, א טרעילער דרייווער איז אפגערעדט. דאס אלעס קוקט ער אראפ. ער קוקט ארויף "בכבוד'דיגע ארבעט"! ער פארשטייט אבער נישט אז ארבעטן מיינט שווער.

מען רעדט דא נישט פון צוויי ראסעס, בני תורה קעגן ארבעטער. בני תורה זענען זייער חשוב, אויב זיי קענען עס באוויזן קען נישט זיין בעסער. מען רעדט אבער דא פון אינגעלייט מיט דמיונות און חשבונות, וואס ווילן אלעס חוץ זיין א "ארבעטער". מען קוקט אראפ דער פאריאגטער אינגערמאן מיטן תירוץ אז ער איז נישט אזוי ערליך ווי דיר (ווען אליבא דאמת איז די תירוץ אז ער ארבעט ווי א חמור און מאכט צען מאל מער געלט ווי דיר), און פון דעם רעדט דא ר' מתתי'.

ער מאלט שוין גארנישט קיין צוקער וואסער, ווי אומגעשמאק עס זאל דיר זיין זיך צו טרעפן מיטן רעאליטעט.

אנטשולדיגט, איך מיין נישט דיך פערזענליך. אבער עס קוקט מיר אויס ווי דו פארשטייסט גאנץ גוט פון וואס די רעדע איז.

Anonymous
Posted November 1, 2010 at 12:25 PM

וועלוול, איצטערט רעדסטו צו דער זאך, און אויב (?) דו ביסט מאטעס זעלבסט, וואלט איך שטארק רעקאמענדירט אז די זאלסט אדרעסירן דעם פראבלעם פין 'ביזנעס דמיונות' אין א עקסטערן ארטיקל, ווייל לדאבוני איז דאס אין דעם יעצטיגן ארטיקל בכלל נישט באריהרט.

עס זענען דא כולל יונגעלייט וועלכע באלאנגן נישט דארט, און זענען נאר דארט ווייל עס פאסט נישט צו גיין ארבעטן? אויך א גערעכטע נקודה וועלכע איז בהחלט ווערט צו ווערן אדרעסירט, אבער ווערט נישט דערמאנט אין מאטעס'לס ארטיקל. (טראץ דעם וואס די ערשיינונג איז פיל וויניגער וויפיל מען מיינט, ואכמ"ל).

דער פראבלעם פין וועלן זיין א אייגענער בעל-בית איז לגמרי נישט באגרעניצט צו כולל יונגעלייט, אדרבה ביי כולל יונגעלייט איז פיל מער שכיח אז זיי גייען איין אויף קנאפ בכבוד'יגע פאסטנס כדי צו מאכן אפאר דאללאר אין די זייט. (עס וועט זיי אפשר נישט פאסן צו דרייוון אין א טראק, אבער פאקן ספרים אין בית המדרש אדער קניפן ציצית איז אויך נישט קיינעמס פירסט טשויס.)

אדרבה, אמור אתה! וויפיל יונגעלייט וואס גייען ארבעטן תיכף נאך די חתונה טרעפן תיכף א נארמאלע דזשאב און הייבן אן צו פארדינען ווי א מענטש אין די ערשטע פאר יאר ווען מען קען גרינגערהייט אפשפארן אפאר דאללאר?
רובא דרובא וועלן זיך דרייען און פרייען די ערשטע פאר יאר , און זוכן גליקן, און וועלן נישט סעטלען אויף א זשאב ווילאנג זיי מוזן נישט.

איז אלזא הדרא קושיא לדוכתיה: פארוואס ווערט מאטעס אזוי איבערגענומען ווען ער זעהט א קוטשמע?

אגב: (עס זאגט שוין אלעס?) מיינע מלמדים פין פריערדיגן דור פלעגן קומען אין חדר דוקא מיט א קוטשמע, זייט דעמאלטס ערוועקט ביי מיר די קוטשמע הרגשים פין א אנדער'ן סארט...

גרעפיק
Posted November 1, 2010 at 1:54 PM

ווערטס נישט אזוי היציג חברה, מתתי' איז א הומאריסטישיע שרייבער, עטץ האטס נישט געליינט אלע זיינע ארטיקלעך ביז יעצט?

מתתי' וואס איז געבליבן מיט די קאווע? האסטאך יא געקויפטע קאווע אויפן טיש זעה איך? איינמאל האקסטו דערויף און איינמאל טרונקסטו מיט אזא געשמאק?

און דער בילד וואס הענגט דארט? ווייסט נישט אז ביי חסידישע אידן הענגט מען נישט קיין בילדער?

13th Ave.
Posted November 1, 2010 at 2:14 PM

מתתי', כאטש איך גלייך דיין סטיל, האסטו שוין אבער באריהרט דעם טעמע - פון א אנדערע פרעספעקטיוו - איינמאל. איך

גלייך מער ווען דו ריִרסט אן "גשמיותדיגע" קאנטריווערסיאלע סאבדזשעקטס, ווי די פארקינג מיטערס, קאווע. וכו'. און נישט ענינים וועלכע קענען טרעטן אויף די הינער אויג פון אסאך היימישע אידן. - ווי גערעכט דו זאלסט נישט זיין.

מעכל
Posted November 1, 2010 at 2:20 PM

אז מען רעדט שוין יא פונ'ם בילד, איז עס פין מונקאטשער רב?

Anonymous
Posted November 1, 2010 at 4:03 PM

טעיק איט איזי מתתי'.
די פרובירסט צו פארוואנדלן דאס ארבעטן אין א אידעאל אזוי ווי אין קאמוניזם, עס קוקט אויס ווי די פלאנסט צו גרינדן א סאציאלע ארבעטער פארטיי.
ארבעטן פאר פרנסה איז געגעבן געווארן פאר אדם הראשון אלס ביטערער שטראף פין הימל, און סך הכל א היכי תימצי פין דערמעגליכן דאס זעקל ביינער אנצוציען אויף דעם עולם התחתון אזוי ווי לאנג עס אים באשערט.
לאז געמאך מתתי'; מיר ארבעטן גענוג שווער פאר פרנסה, אז מיר זאלן עס נאך דארפן באשטעטיגן מיט א ספעציעלן יוניפארם.

י רייך
Posted November 1, 2010 at 5:39 PM

וואס איז די האסטיליט דא?
קודם כל, וואס איז די חסרון פון וועלן ארבעטן א בעסערע ארבעט ווי א טראק דרייווער, איך ארבעט שוין א לאנגע צייט צו זיין מיין אייגענע בעלבוס, און ביזדערווייל מאכט א טראק דרייווער מער, קען זיין.
האב איך נישט קיין רעכט דערצו?
פארוואס איז יעדער אזוי האסטייל? יעדער האט א רעכט אויסצושטעלן זיין לעבן וויאזוי עם שמעקט, פיריעד.
ווייל מיין ווייב דארף אזוי סאך געלט וויפיל ער טראק דרייווער פארדינט, שוין יעצט, בין איך עפעס מחויב צו טון א זאך וואס איך האב נישט קיין געשמאק דערין?
איך הער אסאך אויס לוזער לאנדא, יואלי קליין און אנדערע, הצד השוה שבהן, יעדער האלט אז א ארבעט דארף מען ליב האבן, עס דארף זיין געאייגענט פארן מענטש.
סאו קיינער זאל נישט שוינען מיין ווייב אין קינדער, אפשר וועט זיך עס אויסצאלן ווייל לסוף וועל איך מצליח זיין, און אויב נישט, איז עס מיין לעבן, און איך בין נאך אלץ בארעכטיגט צו מאכן מיינע אייגענע דעסיזשאנס, קיין עבירה איז עס נישט, צו פארדינען ווייניגער וויפיל מען קען.

הערה'לע
Posted November 1, 2010 at 6:26 PM

מתתי זאגט אבסולוט א גיטע געדאנק, ס'איז א בפירושע גמרא גדול הנהנה מיגיע כפו.. ס'איז דא אסאך פשטים אבער אין המקרא יוצא מידי פשוטו,
הערה: נישט נאר וועגן ערליך געלט זענען אינז חשוב'ער נאר כ'האב געהערט נאכזאגן פון א געהובנע איד אז ער האט געשיקט זיינע קינדער ארבעטן תיכף נאך די חתונה זאגענדיג אז ווער ס'קען נישט לערנען 3 שעה לכה"פ פארטאג'ס פאר די ארבעט און אויך ביינאכט נאך די ארבעט איז בכלל נישט בארעכטיגט זיך צו קרוינען פאר א בן תורה...
זייט ווען איז חשוב'ער צו טרינקען קאווע אויפן ווייב'ס חשבון ווי גיין מיט א קאטשמע, איך מיין חלילה נישט צו זאגן אז אלע כולל אינגעלאט זענען אין דעם קאטעגוריע אבער אויב ביסטו ליינער א כולל אינגערמאן טראכט'עך גיט איבער.

בן בית
Posted November 2, 2010 at 6:30 PM

העתקה מספר בית אהרן (קארלין) אודות הענין הנ"ל. מצוי כמה טעותים מחמת שהוא converted from PDF והשם הטוב יכפר

איגא"ק אשר כתב הרה"ק בו' ארומו"ר הרב ר' אשר זצוקללה"ה
שלום שלום כפולה ומכופלת ורב טוב לאהו' מחותני ידידי הרבני הותיק הנגיד כבוד שמו מוה' יוסף שיחיה:
מהודענא אדות וכו' . ומה שסיפר לי חתנו שיחיה שמעלתו עצל במלאכתו מלאכת שמים ואינו עוסק במו"מ ורוצה להיות יושב אוהל ומקנה זה הדרך ומקרא מלא הוא יגיע כפיך כי תאכל וכו' י ובגת' גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים י ויאמין לי אהובי שגמילות חסד אחד או פרוטה צדקה אחת או שאר מצות מעשיות ובפרט הכנסת אורחים י וכל מה שבכלל כל התורה אין בכלל אלא מה שבפרט ומהפרט נעשה כלל גדול בתורה וכל פרט בפני עצמו הוא כלל כללו של דבר הוא יותר טוב מכמה שבועות ואפשר שנים שהוא לומד בתורה שהעיקר הלימוד הוא לעשות ומי ומי עלה למרום להוריד עוז מבטחה כאשר איש הנאמן ועוסק באמונה וצא ולמד מהשאלות ששואלין נשאת ונתת באמונה וקבעת עתים לתורה ומזה מי שעוסק באמונה אין החיוב עליו רק בקביעות עתים לתורה ולהבינך העטן יותר כי ידע כי בעת שהוא לומד אינו מקשר עצמו נפשו ורוחו ונשמתו להתעטג אמתי כאשר הוא עושה המצוה בעשיה ומקשר עצמו עם מי שהוא עושה עמו המצוה י וזה בחי' זכר ונקבה והתענוג שמקבלין שניהם היא ההולדה וזהו תולדותיהם של צדיקים מעש"ט וידע אהובי שזה עיקר השלימות לבד מבני עליה אשר הם עושים יחודים בכל תנועה ותנועה ובפרט בכל דיבור ודבור וע"ז נאמר אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני והדרך כבושה לפני בעלי בתים הרוצים להיות סור כתבתי יותר מכמה למודים וכמה אנשים שרצו לעשות למו"מ ובעז"ה מחזיקים ובעז"ה עלה בידי לכמה כמעשהו והכרחתי אותם למ"מ ובעז"ה מחזיקים לי טובה בזה ובבא והעיקר שלא יתעצל בשום עסק וידע בעת שהוא עצל במו"מ גם הלימוד שלו בעצלות. וע"ז ג"כ נאמר ולחם עצלות לא תאכל וידע שאין דרכי כ"כ להרבות בכתיבה רק מחמת וכו' אנא נפשי בכתיבה יהבית ואי"ה כשיקיים כפי מכתבי אכתוב לו יותר באריכות ועליו לעשות וד' יגמור בעדו לטובה י ויהיה ברוך ממקור הברכות הוא וביתו וכל אשר לו וכל הנלוים אליו ודורשי שלומו הטוב עד עולם כי טוב מהק-ל הטוב כל הימים טוב. מנאי הכותב בטוב ורוצה ומבקש שיהיה לו טוב בכל טוב סלה הק' אשר בהרב מו"ה אהרן זצוקלל"ה
ומהודענא אדות גיסי שיחיה שיראה להשגיח עליו על בריאותו שיאכל בעת אכילה ויישן בעת השינה ויראה שיישן כפי הצורך לבריאות גופו וראשו ואיבריו ואל יהיה דבר זה קל בעיטו ובפרט שהוא כחוש ורך בטבע ובוודאי יהיה למודו אי"ה יותר טוב (חסר)

ואני בחסדך בטחתי וגו' יבואר כי הנה אין הנכון להמקבל מתנה לומר שירה ושבחה למי שנותז לו מתנה הגם כי שמח מאד במתנתו אמנם ראוי לתת שבח והודי' להקב"ה שנתן בלב אדם זה שיתן לו מתנה זה אמנם אם יגיע לו טוב ממעשי ידיו אז יודה לאלקי ית"ש שעזרו במעשיו ונתן לו כח לעשות חיל להיות נהנה מיגיע כפו וזהו כוונתם ז"ל גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים היינו גדול הנהנה מיגיע כפו וביותר צריך להודות ולהלל לה' יותר מירא שמים שבא לו פרנסתו ע"י אחרים ובזה יל"פ הפסוק ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך גילה בעלמא אם הי' מפאת חסדך בכל אופן שבא חסדך אפי' ע"י שלוחים אמנם אשירה לה' כי גמל עלי הקב"ה בעצמו מידו הטהורה והרחבה (ת"מ מת"ל בשלח)

שמעלקא
Posted November 3, 2010 at 3:17 PM

מי אנכי אריינצושטעקן מיין קליינעם קאפ אין אזעלכע גרויסע בערג, אבער בפשטות איז דאך דאס א גרויסע סתירה צו די משנה וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי, אלו דברים וכו', הכנסת אורחים, גמילות חסדים, הכנסת כלה, הלוית המת, הבאת שלו', אבער... ותלמוד תורה כנגד כולם!!

אפשר קען זיין אז גדול התלמוד שמביא לידי מעשה, אז לערנען אליין עטליכע וואכן איז טאקע נישט אזוי גרויס, ווי אויב מען "לערנט אויך" און דערנאך איז מען טאקע מקיים א מצוה, א חסד'ל, דעמאלס מיינט ער צו זאגן אז עס איז אסאך גרעסער.

אדרבה, אויב איינער פארשטייט זאל ער ביטע זיך לאזן הערן!

י רייך
Posted November 2, 2010 at 8:46 PM

בן בית. שכוח שכוח שכוח
איך פארשטיי נישט פונקטליך די הסבר, קען זיין וועגן די טעותים, וויאזוי ער איז מסביר אז צדקה והכנסת אורחים איז חשובער.
אבער עס איז מיר געווען א געוואלדיגע חיזוק, איך וועל עס אי"ה אויפזיכען און אדורכלערנען בעיון. ביטע געב א מראה מקום.
שכוח נאכאמאל, ותזכו למצות

בן בית
Posted November 3, 2010 at 6:19 PM

בית אהרן על התורה ומועדים להר' אהרן והר' אשר מקארלין דף קמ"ז עמוד א' אין די ליקוטים. (מכתב השלישי בעמוד)

איך האב עס אויף א PDF אויב איינער ווייסט וויאזוי מ'קען דא ארויף לייגן א PDF פייל זאל ער מיך זיי מוחל אויסלערנען, אדער קען איך ארויפלייגן מיין אימעיל אדדרעס דא און ווער ס'וויל זאל מיר שיקן א אדרעעס וועל איך גערן צוריק שיקן אטעטשד.

וועגן שמעלקא'ס הערה זעה אינמיטן ...עיקר הלימוד הוא לעשות...

בן בית
Posted November 3, 2010 at 6:21 PM

ס'איז א גרוסע חיזוק ס'איז כדי דורך צולערנען עטלעכע מאל

בן בית
Posted November 3, 2010 at 6:55 PM

אה דא האט איר לזכות את הרבים

http://www.balboos.com/tem/bais_a.pdf

משה
Posted November 4, 2010 at 12:49 PM

ביים שרייבן אזא סארט ארטיקל מעג מען כאטש דערמאנען איין מראה מקום צו אונטערשטיצן וואס מען שרייבט.

Lazer
Posted November 4, 2010 at 2:01 PM

משה, זיי זיך מסביר, וואס זאל ער שרייבן? מראה מקום: מסכת בבא מציעא, שולחן ערוך חושן משפט? אז זיי זענען געאייגנט אויף הלכות פועלים און ביזנעס? צו זאל ער שרייבן "אבינו מלכינו כתבינו בספר פרנסה וכלכלה" אלץ א מראה מקום אז מיר בעטן אויף פרנסה? צו זאל ער שרייבן "ר' יוחנן הסנדלר" צו ברענגען א ראיה אז מען מעג זיין א שיסטער אויף לי עוועניו און דאך זאל מען דערמאנט ווערן אין גמרא? צו טוב תורה עם דרך ארץ?

זיי זיך מסביר וואו עס פעלט אויס א מראה מקום, צו וואלט ער געדארפט אויסקלויבן בלויז איין מראה מקום פון די 10 טויזנט מקורות און דאס ברענגען?

קורא בעל בית
Posted November 4, 2010 at 2:07 PM

קשה לי לכתוב ביידיש, הגם שאני מבין הכל פה.

בן בית, המון תודה על הקטע של בית אהרן, כל מילה מתוק! תודה!

י רייך
Posted November 4, 2010 at 7:04 PM

שכוח בן בית
וועל מער עס ארויספרינטען און מעיין זיין דערין שבת.

נחמן ח. ק"י
Posted November 12, 2010 at 1:36 PM

איך האב באקומען אין אימעיל א מורא'דיגע ברייו פון א טאטע איבער דעם ענין פון ארבעטן, וויאזוי קען איך עס דא ארויפלייגן?
נ.ב. עס איז א פי די עף פייל

admin
Posted November 12, 2010 at 2:06 PM

נחמן ח.:
איר קענט עס שיקן אין אימעיל, און מיר וועלן עס ארויפלייגן אויף די סייט.
הירשל: עס איז א גוטע געדאנק, אבער Scribd.com ווערט נישט אדורכגעלאזט דורך JNET

admin
Posted November 12, 2010 at 2:17 PM

קרעדיט נחמן ח. ק"י
http://balboos.com//tem/letter2yonahkohn.pdf

Luzer Mendel
Posted November 14, 2010 at 2:28 PM
גאנץ פיינע נקודות, אבער וואס וויל ער פון די ישיבות? אין קיין שום ישיבה רעד מען נישט פון די זאכן, לרע או להטיב. זאל ער זאגן פאר זיינע קינדער וואס ער האלט פאר ריכטיג, וחסל.
זיך נעמען קריטיקירען כלל ישראל, ישיבות, חינוך סיסטעם וכו, איז א אפגעפרעגטע מהלך.

בן בית
Posted November 14, 2010 at 8:08 PM
פשששש!!! נחמן מעכטיג !
ס'איז טאקע נישט צו פארשטיין פון ווי ס'נעמט זיך אזא פארקערטע מהלך המחשבה ביי א גרויסער עולם (זעה אויבן א לעבדיגע דוגמה Anonymous, 13th Ave.) . די קשיות וואס ער פרעגט דארט האט מיך אויך אלץ געבאדערט און כ'ווייס נאך אלץ נישט די תירוץ..